**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט פארשלאגן צו באקעמפן פאברעכן און פארשטערקערן קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם**

***פארגרינגערן די אנטדעקונג פראצעדור צו פארזיכערן יושר'דיגע פראצעסן, אפשטעלן פראצעדור פארשפעטיגונגען און האלטן קרמענאלן פאראנטלווארטליך***

***פארשטערקערט די סטעיט'ס רעאקציע מעגליכקייטן צו באקעמפן נאציאנאלע קרימענאלע גרופעס וואס אפערירן לענגאויס די צפון גרעניץ***

***באקעמפט געשלעכטליכע איבערפאל און דאמעסטישע געוואלדטאטן מיט נייע באשיצונגען צו העלפן איבערלעבער***

***פארמאכט לעכער צו ארעפקלאפן פארדראגטע דרייווינג, באשיצן ניו יארקער אויפן שאסיי***

***פארברייטערט טעכנעלאגישע און קאארדינאציע מעגליכקייטן פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן צו פארבעסערן פאברעכן פארמיידונג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן פארשלאגן צו אראפטרייבן פארברעכנס און פארשטערקערן די קרימענאלע יוסטיץ סיסטעם צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט אלץ טייל פון איר 2025 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס. גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר גרינג מאכן די אנטדעקונג פראצעדור דורך טוישן רעפארמס אריבערגעפירט אין 2019, צולייגנדיג נאך ריסורסן צו באקעמפן נאציאנאלע קרימענאלע גרופעס און באקעמפן געשלעכטליכע איבערפאל און דאמעסטישע געוואלדטאטן.

"פובליק זיכערהייט איז מיין העכסטע פריאריטעט, און איך וועל אייביג טוען אלעס וואס איך קען צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "בשעת וואס פארברעכן סטאטיסטיקס צייגט באדייטנדע פארמינערונגען אין גאן גוואלדטאטן, איז נאך אלץ פארבליבן מער ארבעט צו טוען כדי צו האלטן אלע ניו יארקער פארזיכערט. צוליב דעם וועלן מיר פארריכטן די אנטדעקונג געזעצן, אראפקלאפן נאציאנאלע גרופעס און שטיצן איבערלעבער פון געשלעכטליכע איבערפאל."

**פארגרינגערן ניו יארק'ס אנטדעקונג פראצעדור**

**פארריכטן די פארבינדונג צווישן די אנטדעקונג געזעץ (Discovery Law) און די שנעלע פראצעס געזעץ (Speedy Trial Act) צו מוטיגן ריכטיגע יוסטיץ**
ניו יארק'ס אנטדעקונג רעפארם האט איינגעפירט וויכטיגע טוישונגען צו פארבעסערן גערעכטיגקייט אין קרימענאלע קעיסעס אבער האט געפירט צו אומגעוואונטשענע קאנסעקווענצן. יעצט, אויב א

פראסעקיוטער׳ס אנטדעקונג אויספאלגונג ווערט שפעטער ערפאלגרייך באצווייפלט, ווערט די צייט צווישן די באשטעטיגונג און באצווייפלונג געציילט אויף צוריק קעגן די פראסעקיושען, אפטערההייט פראורזאכנדיג אפזאגונגען וואס זענען נישט אין פארבינדונג צו די גערעכטקייט פון די קעיס אדער די געזעצליכקייט פון די אויספארשונג. די לאך טוט אומווילינדיג באלוינען מיט אפשטופן אנטדעקונג שוועריגקייטן, כדי צו קענען גרינגערהייט ארויסווארפן קעיסעס צוליב טעכנישע פראבלעמען. כדי צו דאס אדרעסירן, טוט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן טוישונגען צו עלימינירן די באלוינונג צו אפשטופן אנטדעקונג שוועריגקייטן און צו פארזיכערן אז א אנטדעקונג טעות ווערט אדרעסירט לויט די פראפארציע פון די אנטדעקונג טעות אליינס אנשטאט א טעכנישע מיטל צו אפזאגן די גאנצע קעיס. די טוישונגען וועלן מוטיגן צייטליכע איבערזיכט וואס וועט פארבעסערן די צייט וואס עס נעמט פאר א קעיס צו ווערן פראצעסירט, פארמינערן פארשפעטיגונגען וואס האלט מענטשן איינגעזעצט איידער די פראצעס און פארמיידן אפזאגונגען באזירט אויף טעכנישע פראבלעמען וואס קען צוריקהאלטן יוסטיץ פאר קרבנות און פאר די מענטשן פון די סטעיט פון ניו יארק.

**פארגרינגערן און קלארשטעלן אנטדעקונג פאדערונגען**
גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך פארגעשלאגן א סעריע פון פארבעסערונגען צו פארגרינגערן די סטעיט׳ס אנטדעקונג פראצעדור. ערשט, טוט די גאווערנער פארשלאגן צו קלארשטעלן אז אינפארמאציע וואס פאדערט סובפינעס כדי צו עס באקומען, איז נישט נויטיג פאר באשטעטיגן אנטדעקונג אויספאלגונג און אז פראסעקיוטער קענען באשטעטיגן איינמאל זיי האבן אנטדעקט אלע רעלעוואנטע מאטעריאלן וואס זיי פארמאגן. דערנאך, טוט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן צו פארברייטערן די פארנעם פון אוטאמאטישע אויסמעקונג צו אריינעמען סענסעטיווע דעטאלן אזויווי עדים, פיזישע אדרעסן און פערזענליכע דעטא וואס זענען נישט פארבינדן צו די קעיס, אוועקנעמענדיג די געברויך צו אנטיילנעמען אין לענגערע שליכטונגען צו אויסמעקן אזעלעכע מאטעריאלן. גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט אויף פאר צו רעדוצירן די פארדערונג צו צושטעלן א מעלדונג 48-שעה איידער דאקומענטן פון א באשולדיגטע קען ווערן פרעזענטירט צו א גרענד דזשורי צו 24 שעה. דאס וועט העלפן פארגרינגערן די יאך פון קאונטיס וואס האבן נישט קיין פינף-טעג גרענד דזשורי׳ס און וואס, האבן נישט קיין 48 שעה איידער א קעיס דארף ווערן פרעזענטירט צו א גרענד דזשורי דורכאויס פארלענגערטע וויקענד׳ס. די טוישונגען וועלן פארזיכערן פראצעדור גלייכבארעכטיגקייט, פארגרינגערן קעיס פראצעסירונג און באשיצן סענסעטיווע אינפארמאציע.

**באקעמפן נאציאנאלע קרימענאלע גרופעס**

**פארשטערקערן די סטעיט׳ס רעאקציע צו נאציאנאלע קרימענאלע גרופעס**
ניו יארק שטייט אויס שטייגנדע שוועריגקייטן פון נאציאנאלע קרימענאלע גרופעס וואס אפערירן לענגאויס די צפון גרעניץ, אריינגערעכנט העכערע שטאפלן פון דראג, וואפן און געלט צונעמונגען. כדי צו אדרעסירן די וואקסענדע דראונגען, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארשטערקערן אינפארסירונג באמיאונגען דורך פארמערן די צאל פון סטעיט פאליציי און קאונטער-טעראריזם אויספארשער ביי די צפון גרעניץ און איינשטעלן סאפיסטיקירטע טעכנעלאגיע צו שטיצן זייער אפעראציעס. דורך די באמיאונגען און די פארשטערקערטע מערערע-אגענטור טעסק פארס אויף מענטשליכע טראפיקינג ( Interagency Task Force on Human Trafficking), גאווערנער Hochul (האקול) וועט אויפבויען אויספארשונגען צו צילן און האלטן פאראנטווארטליך די וואס ארבעטן פאר די קרימענאלע ארגעניזאציעס.

**באקעמפן געשלעכטליכע איבערפאל און דאמעסטישע געוואלדאטן**

**שטיצן איבערלעבער פון געשלעכטליכע איבערפאל, דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן און געשלעכטליכע טראפיקינג**

שטיצן איבערלעבער בלייבט א העכסטע פריאריטעט פאר גאווערנער Hochul (האקול), אזוויי זי טוט ווייטער פירן באמיאונגען צו אדרעסירן געשלעכטליכע איבערפאל, דאמעסטישע גוואלדטאטן, דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן און געשלעכטליכע טראפיקינג. דורך היסטארישע אינוועסטירונגען און דרייסטע פאליסי איניציאטיוון, טוט ניו יארק אוועקשטעלן א נאציאנאלע סטאנדארט פאר באשיצן איבערלעבער און האלטן אפענדערס פאראנטווארטליך.

אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק באדייטנד פארשטערקערט איר רעאקציע צו געשלעכטליכע איבערפאל און דאמעסטישע גוואלדטאטן. לעצטע יאר, האט די סטעיט אינוועסטירט 35 מיליאן דאלער צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט באמיאונגען לענגאויס די סטעיט און 5 מיליאן דאלער אין דירעקטע הילף פאר איבערלעבער און זייער קינדער. די אינוועסטירונגען ווערן אונטערגעשטיצט דורך מאסנאמען אזוויי די פארשאפונג פון א רעיף קיט טראקינג סיסטעם לענגאויס די סטעיט און א ערשטע-אין-די-לאנד געשלעכטליכע איבערפאל באווייז סטארעדזש איינריכטונג, מאכנדיג זיכער אז איבערלעבער האבן צוטריט צו גערעכטיגקייט און ריסורסן.

גאווערנער Hochul (האקול) האט איינגעשטעלט אין קראפט דרייסטע איניציאטיוון צו אדרעסירן דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן, אריינגערעכנט די ערוואקסענער איבערלעבער געזעץ ( Adult Survivors Act) און פארברייטערט באשיצונגען קעגן די אומריכטיגע באנוץ פון פריוואטע בילדער. די באמיאונגען בויעט זיך אויף ניו יארק'ס לעגעסי פון פאראויס ריקן איבערלעבער באשיצונגען און שטרייכט אונטער די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו שאפן פארזיכערטע און גלייכבארעכטיגטע קאמיוניטיס פאר אלעמען.

די סטעיט נעמט אקטיווע שריט צו באקעמפן געשלעכטליכע טראפיקינג און שטיצן איבערלעבער. ניו יארק האט פארשטערקערט אנטי-טראפיקינג געזעצן און פראגראמען בשעת'ן פארמערן צוטריט צו סערוויסעס וואס העלפן איבערלעבער איבערבויען זייער לעבנס. די איניציאטיוון שפיגלען אפ די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו צושטערן טראפיקינג גרופעס און פארזיכערן אז איבערלעבער באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן.

דאס יאר, וועט גאווערנער Hochul (האקול) נאכיאגן א פולשטענדיגע אגענדע צו ווייטער פארברייטערן ניו יארק'ס רעאקציע צו געשלעכטליכע איבערפאל, דאמעסטישע געוואלדטאטן, דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן און געשלעכטליכע טראפיקינג, גייענדיג ווייטער מיט איר שטאנדהאפטיגע פארפליכטונג צו שטיצן איבערלעבער.

**פאדערן צוטריט צו טרענירטע פארענזיק מעדעצינישע אונטערזיכער ביי אלע שיפטעלער**

עס קומט זיך פאר יעדע קרבן פון געשלעכטליכע גוואלדטאט די העכסטע סטאנדארט פון קעיר ווען ער\זי קומט אן אין שפיטאל. דאס צו פארזיכערן, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן לעגיסלאציע וואס וועט פאדערן אז אלע שפיטעלער זאלן צושטעלן צוטריט צו טרענירטע פארענזיק מעדעצינישע אונטערזיכער פאר געשלעכטליכע איבערפאל איבערלעבער, אריינגערעכנט קינדער איבערלעבער. צוטריט צו די טרענירטע מעדעצינישע פראפעסיאנאלן איז וויכטיג כדי צו סיי אריינפירן איבעלעבער דורך אן געזעלשאפטליך אנגעפולטע פראצעדור און צו צוזאמנעמען צו באווייז נויטיג צו ברענגען שנעלע יוסטיץ צו פארברעכער. איין שטודיע פון 100 געשלעכטליכע איבערפאל קעיסעס וואס האבן זיך פאראויס געריקט צו פראסעקיושען האט געפונען אז נאנט צו 75 פראצענט פון קעיסעס מיט א DNA צופאסונג, וואס ווערט געוועגליך גענומען דורכאויס שפיטאל פארענזיק אונטערזיכונגען, האהן געפירט צו א באשולדיגונג קלאגע אדער פראצעס אין פארגלייך צו איינס פון דריי קעיסעס אן קיין לאבאטאריע באריכט.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט אויך ביישטייערן סטעיט פאונדינג צו אויפשליסן פעדעראלע שטיצע פאר העכערן די פארגיטיגונג ראטעס צו העלטקעיר פראוויידער פאר די קאסטן פון פארענזיק אונטערזיכונגען און קורסן פון אנטי-HIV דראג באהאנדלונג.

צוזאמען מיט פארברייטעטע אינפארסירונג דורך די דעפארטמענט פון העלט און אינוועסטירונגען אין טעכנישע הילף וויאזוי אויך פארברייטעטע פארענזיק אונטערזיך טרעינירונג פארשלאגן, די מאסנאם וועט העכערן די סטאנדארט פון קעיר, פארבעסערן די מעגליכקייט פון גערעכטיגקייט אין געשלעכטליכע איבערפאל קעיסעס און אוועקשטעלן ניו יארק אלץ א נאציאנאלע פירער איו אדרעסירן געשלעכטליכע גוואלדטאטן.

**טאפלען פאונדינג פאר רעיפ קריזיס פראגראמען**

אסאך געגנטער איו ניו יארק האבן נישט גענוג צוטריט צו רעיפ קריזיס סערוויסעס, מיט ניין קאונטיס וואס האבן נישט קיין באשטעטיגטע רעיפ קריזיס פראגראם אינערהלב די קאונטיס גרעניצן. צו אדרעסירן די אונטערשיידן און פארשטערקערן עקזעסטירנדע פראגראמען, וועט גאווערנער Hochul (האקול) איינפירן די גרעסטע פאונדינג העכערונג און די פראגראמס היסטאריע. די אינוועסטירונג וועט פארבעסערן שפיטאל- און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, פארברייטערן געאגראפישע דעקונג, פארזיכערן שטיצע פאר פראגראמען צו רעאגירן צו אלע קאלטורן און פארבעסערן צוטריט צו אדוואקאטן פאר איבערלעבער פון געשלעכטליכע איבערפאל.

**פארברייטערן געצילטע רעדוצירונגען אין נאנטע פארטנער גוואלדטאטן לענגאויס די סטעיט**

צו פולשטענדיג באקעמפן געשלעכטליכע גוואלדטאטן, וועט גאווערנער (האקול) פארשלאגן צו פארברייטערן די געצילטע רעדוצירונגען אין נאנטע פארטנער גוואלדטאטן ( Statewide Targeted Reductions in Intimate Partner Violence, STRIVE) איניציאטיוו אין צו א נייע פראגראם וואס ווערט גערופן STRIVE+. ערשט געגרינדעט אין 2024 צו אדרעסירן נאנטע פארטנער און דאמעסטישע גוואלדטאטן, וועט STRIVE+ יעצט אריינעמען נאנ-דאמעסטישע געשלעכטליכע איבערפאלן און רעיפס. אנגעפירט דורך די אפטיילונג פון קרימענאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) וועט פאונדיט שטיצן דיסטריק אטורניס, געזעץ אינפארסירונג, פראבעישאן דעפארטמענטס און קאמיוניטי-באזירטע פראוויידערס לענגאויס די סטעיט. ניו יארק סיטי און אנטיילנעמענדע קאונטיס וועלן אנטוויקלען פולשטענדיגע פלענער נוצנדיג באווייז-באזירטע סטראטעגיעס צו רעדוצירן געשלעכטליכע גוואלדטאטן און האלטן אפענדערס פאראנטווארטליך. די פארברייטערונג צילט צוצושטעלן ברייטערע שטיצע פאר איבערלעבער בשעת'ן איינפירן אפעקטיווע מאסנאמען צו באקעמפן געשלעכטליכע איבערפאל.

**אוועקנעמען וואפן פון דאמעסטישע גוואלדטאטן אביוזער**

יעצט האט ניו יארקער געזעץ נישט א ספעציפישע פארברעך וואס טוט גענצליך נאכקומען די פעדעראלע פאדערונגען פאר באריכטן דאמעסטישע גוואלדטאטן אורטיילן צו די פעדעראלע ביורא פון אויספארשונגען (Federal Bureau of Investigation, FBI) נאציאנאלע זאפארטיגע קרימענאלע הונטערגרונד אונטערזוכונגען סיסטעם ( National Instant Criminal Background Checks System, NICS) ערלויבנדיג טייל אביוזער צו פארמיטן וואפן באגרעניצונגען. דאס צו אדרעסירן, וועט א נייע פארברעך פון "דעמעסטישע גוואלדטאטן" ווערן פארשאפן אונטער די פענאל געזעץ, וואס קען געטשארדזש ווערן צוזאמען מיט עקזיסטירענדע פארברעכן, מאכנדיג זיכער אז אלע עלעמענטן נויטיג פאר פעדעראלע באריכט ווערן אוטאמאטיש נאכגעקומען. די טשארדזש פארגרינגערט די פראצעדור, עלימענירט פאקטישע פראגעס און פארזיכערט אז באשילדיגטע אביוזער ווערן אריינגעשטעלט אין NICS, זיי צוריקהאלטן פון האבן צוטריט צו וואפן.

**שאפן מער פארזיכערטע ארבעטס פלעצער פאר איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן**
דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן ווירקט אויף קרבנות זיכערהייט און פראדאקטיוויקייט אין די ארבעטס פלאץ, אבער פונדעסטוועגן יעצטיגע באשיצונגען אונטער עקזעקיוטיוו ארדער 17 זענען באגרעניצט צו סטעיט איינגעשטעלטע און איז נישט אינעם געזעץ, זיי איבערלאזנדיג אויסגעשטעלט צו צוקונפדיגע שאדן. זייט עס איז געווארן ארויסגעגעבן, האט עקזעקיוטיוו ארדער 17 ראזאלטירט אין די גרינדונג פון פאלק-פירנדע פאליסיס אין סטעיט אגענטורן, טרענירונג פון איבער 80,000 סטעיט איינגעשטעלטע און נילף אין איבער 100 קעיסעס, אבער פריוואטע סעקטאר איינגעשטעלטע האבן נישט די זעלבע ארבעטס פלאץ באשיצונגען. דאס צו אדרעסירן, וועט גאווארנער Hochul (האקול) פארשלאגן לעגיסלאציע צו אריינשטעלן די פאליסי אין סטעיט געזעץ און פאדערן פון אלע סטעיט ווענדארס צו באשטעטיגן אז זיי האבן א דזשענדער-באזירטע געןואלדטאטן פאליסי איידער זיי באקומען קאנטראקטס. די מאסנאמען צילן צו פארברייטערן באשיצונגען צו פריוואטע סעקטאר איינגעשטעלטע, פארבעסערן ארבעטס פלאץ זיכערהייט און פארזיכערן פינאנציעלע סטאביליטעט פאר קרבנות און זייער קא-ארבעטער.

**פארבעסערן צוטריט צו פובליק הילף פאר איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן**
איבעלעבער פון דאמעסטישע און דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן קענען זיין אויסגעשטעלט צו שטרויכלונגען ווען זיי געבן זיך איין פאר פובליק הילף, אזויווי געוויסע בארעכטיגונג פאדערונגען, אזוויי נעמען טשיילד סאופארט, קען פארמערן זייער ריזיקע פון שאדן. בשעת וואס די געזעץ ערלויבט וועיווערס פאר איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן, טוט די עקזיסטירנדע סקרינינג פראצעדור זיך פארלאזן אויף דיסטריקט'ס צו באשטימען איבערלעבער בארעכטיגונג, א צוגאנג וואס איז נישט טראמא-אינפארמירט און וועלכע קען אנטמוטיגן אויפדעקונגען, לאזנדיג איבערלעבער אן די קריטישע באשיצונגען. דאס צו אדרעסירן, וועט גאווארנער Hochul (האקול) פארשלאגן לעגיסלאציע צו עלימענירן די בארעכטיגונג באשטימונג, ערלויבנדיג איבערלעבער צו אליינס-באשטימען אז זיך צושטעלן צו בארעכטיגונג געזעצן וועט זיין א געפאר פאר זיי אדער זייער קינדער. אין צוגאב, וועט א מער פולשטענדיגע סקרינינג געצייג ווערן אנטוויקלט צו בעסער דערגייין זיכערהייט זארגן און פארבינדן איבערלעבער צו נויטיגע סערוויסעס. די טוישונגען צילן צו רעדוצירן סטיגמא, פארבעסערן צוטריט צו פובליק הילף און צושטעלן מער זיכערע וועגן פאר איבערלעבער צו דערגרייכן פינאנציעלע זעלבסשטענדיגקייט און סטאביליטעט.

**עלימענירן די סטאטוט פון באגרעניצונגען פאר געשלעכטליכע טראפיקינג קעיסעס**
טראץ די פאקט אז טראפיקינג איבערלעבער קענען אפשטופען צו אויפדעקן צו געזעץ אינפארסירונג פאר אסאך פון די זעלבע סיבות וואס רעיפ איבערלעבער וואלטן, און אז אסאך מאל נעמט עס יארן פאר טראפיקינג איבערלעבער צו געוואויר ווערן אז זיי זענען געווארן געטראפיקט, איז די סטאטוטס פון באגרעניצונגען פאר טראפיקינג פארברעכנס נישט געווארן אריינגערעכנט אין די געזעץ טוישונג וואס האט פארלענגערט און עלעמינירט סטאטוטס פון באגרעניצונגען פאר געשלעכטליכע פארברעכנס. אנשטאט, איז ניו יארק טראפיקינג פארברעכנס אויסגעשטעלט צו די זעלבע פינף-יאר סטאטוט פון באגרעניצונגען ווי אנדערע פעלאניס.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צוצושטעלן געשלעטליכע איבערלעבער מיט די זעלבע באשיצונגען ווי איבערלעבער פון אנדערע B פעלאני געשלעכטליכע פארברעכנס דורך אוועקנעמען די קרימענאלע סטאטוט פון באגרעניצונגען פאר געשלעכטליכע טראפיקינג און געשלעכטליכע טראפיקינג פון א קינד.

**צולייגנדיג די קלאסיפיקאציע פון אינטעלעקטועלע דיסאביליטי אלץ א מיטל פון טראפיקינג**
א נאציאנאלע שולע-באזירטע שטודיע האט געוויזן אז קינדער אין ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס זענען צוויי מאל אזוי אויסגעשטעלט צו ווערן טראפיקירט, און די מיט קאגנעטיווע דיסאביליטיס זענען

פינף מאל אזוי אויסגעשטעלט אין פארגלייך צו אנדערע סטודענטן. גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צוצולייגן שפראך צו די פענאל געזעץ צו קלאסיפיצירן צוואונגען איינעם מיט א אינטעלעקטועלע דיסאביליטי ארייננצוגיין אין פראסטיטושן אקטיוויטעטן אלץ א סארט טראפיקינג.

**אראפקלאפן אויף געדראגטע דרייוון**

**פארשטערקערן געדראגטע דרייוון געזעצן**
געדראגטע דרייוון פאראורזאכט מער פאטאליטעטן לענגאויס די סטעיט ווי דרייוון שיכור'עהייט, אבער טראץ דעם בלייבט אינפארסירונג שווער צוליב אלטע געזעצן און באגרעניצטע ריסורסן. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו פארמאכן קריטישע לעכער, אזויווי פארברייטערן די סארטן פון פראסעקיוטעבל סובסטאנץ, אויטאריזירן באשטראפונגען פאר זיך אפזאגן צו אנטיילנעמען אין אינטערזיכונג, ערלויבנדיג שנעלע לייסנס סופענסדירונג פאר געדראגטע דרייוון און פארברייטערן די אומשטענדן אונטער וועלכע קעמעקאלישע אינטערזיכונגען קענען ווערן געצוואונגען. די פלאן נעמט אויך אריין צו פארמערן טרענירונג פאר געזעץ אינפארסירונג און אויספארשן די באוץ פון פארבעסערטע ראודסייד סקרינינג און טאקסיקאלאגיע געצייג צו פארבעסערן אינפארסירונג מעגליכקייטן. די מאסנאמען וועלן אויסטאטן געזעץ אינפארסירונג צו בעסער אדרעסירן די וואקסענדע פראבלעם פון דראג-אומפעאיגע דרייוון.

**פארברייטערן געזעץ אינפארסירונגע טעכנאלאגיע און קאארדענירונג מעגליכקייטן**

**פארברייטערן שטיצע פאר אינטעליגענץ מיטיילונג און אגענטור קאארדינאציע**
די פארברערכנס אנאליזירונג צענטערן (Crime Analysis Centers, CACs) זענען גאר וויכטיג צו פארמיידן פארברעכנס און פובליק זיכערהייט אין ניו יארק, צושטעלנדיג געצייג אזויווי האט-ספאט אנאלאזירונג און לעבעדיגע אויספארשונג שטיצע פאר געזעץ אינפארסירונג לענגאויס די סטעיט. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט, האט זיך CAC פאנדיג געהעכערט צו דריי מאל מער און די נעטווארק איז געוואקסן צו 11 צענטערן לענגאויס די סטעיט. און צוגאב, האט די דשאונט זיכערהייט אפעראציעס צענטער (Joint Security Operations Center, JSOC) געגרינדעט אלץ א 24/7 סייבער-זיכערהייט צענטער צו קאארדענירן רעאקציעס צו סייבער דראונגען. זיך בויענדיג אויף די סוקסעס, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פארשלאגן צו גרינדן די ניו יארק סטעיט פארברעכנס אנאלאזירונג און דשאונט ספעציעלע אפעראציעס קאמענד הויפטקווארטירן ( CA-JSOC New York State Crime Analysis and Joint Special Operations Command Headquarters,) - מאכנדיג די סטעיט'ס אינוועסטירונג טאפלט. די ערשטע-אין-די-לאנד הויפטקווארטירן וועט פאראייניגן מער פון 100 לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע אגענטורן נאכצופאלגן די גאנג פון פאברעכנס, מיטיילן אינטעליגענץ, און קאארדינירן רעאקציע בשעת מעשה, ווייטער פארבעסערנדיג פובליק זיכערהייט לענגאויס ניו יארק סטעיט.

**פארזיכערנדיג נאך פאונדינג פאר געזעץ אינפארסירונג טעכנעלאגיע**
לעצטע יאר, האט גאווערנאר Hochul (האקול) צוגעשטעלט רעקארד פאונדינג פאר די געזעץ אינפארסירונג טעכנעלאגיע (Law Enforcement Technology, LETECH) גרענטס צו שטיצן אגענטורן לענגאויס די סטעיט זיך איינצוהאנדלען קריטישע טעכנעלאגיע און געצייג צו פארבעסערן פארברעכנס פארמיידונג און קאמיוניטי מיטארבעט. צו פארזיכערן אז געזעץ אינפארסירונג מיטארבעטער האבן ווייטער צוטריט צו די געצייג וואס איז נויטיג צו באשיצן ניו יארקער, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארזיכערן נאך פאונדינג פאר צוקונפטדיגע LETECH גרענטס. די אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און פארבעסערן געטרויסט צווישן געזעץ אינפארסירונג און די קאמיוניטיס וואס זיי סערווירן.

**באקעמפן די אורזאכן פון פארברעכנס**

**פארשטערקערן פארזיכערטע און לעבערהאפטיגע קאמיוניטיס**
גאווערנער Hochul (האקול) וועט אדרעסירן וואקסענדע פארברעכנס ראטעס אין די בראנקס דורך די גאווערנער׳ס שריט פלאן פאר געגנט זיכערהייט (Action Plan for Neighborhood Safety), אנגעפירט דורך די אפטיילונג פון קרימענאלע יוסטיץ סערוויסעס. די איניציאטיוו וועט נעמען א פולשטענדיגע צוגאנג צו פובליק זיכערהייט דורך אדרעסירן אורזאכן פון פארברעכנס, אזויווי יונגווארג אנטוויקלונג און קאמיוניטי געלעגנהייטן. א שליסל באשטאנדטייל וועט שטיצן די וואוקס פון קאמיוניטי-געטריבענע געוואלדטאטן פארמיידונג איניציאטיוון צוצושטעלן פרא-סאושעל אקטיוויטעטן, שאפנדיג מער זיכערע און געזונטערע געגנטער.

**רעדוצירן ווידער צו באגיין פארברעכן דורך אינאוויטיווע יוסטיץ איניציאטיוון**
ווידער באגיין פארברעכנס ביישטייערט באדייטנד צו די סך הכל פארברעכנס ראטעס אין ניו יארק, מיט ווידער צו באגיין פארברעכן ראטעס הויעך 80 פראצענט פאר מענטשן ארויסגעלאזט פון טורמע. אונטער גאווערנער Hochul's (האקול׳ס) פירערשאפט, האבן פראגראמען אזויווי טורמעס צו דזשאבס ( Jails to Jobs) רעדוצירט ווידער פארלעצונג דורך פארבינדן פראגאנגענע איינגעזעצטע מענטשן צו עדיוקעישאן און דזשאב געלעגנהייטן. זיך בויענדיג אויף די פארשריט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארברייטערן טרענירונג אין גרינע ענערגיע און שטאנדהאפטיגע אינדוסטריעס און פארבעסערן פאזעטיווע באלוינונג פראגראמען אזויווי מעריט צייט צו פארבעסערן ווידער אריינגאנג סוקסעס ( merit time to improve reentry success).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן